# בר-מיצווהס מיט 100,000 יאָר צוריק

- פון לייבל באַטווינניק

איר וואונדערט זיך מסתמא, ווי מען האָט געקענט פײַערן בר-מיצווהס מיט הונדערט טויזנט יאָר צוריק. מע האָט טאַקע געפײַערט, נאָר אַ ביסל אַנדערש ווי מיר טוען עס הײַנט. געוויינטלעכע יאַרמלקעס פון וואָל האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט. האָבן זיי געמוזט טראָגן רונדע (פלאַכע) שטיינער וואָס זײַנען געווען ספּעציעל אויסגעהאַקט ווי שיסלעך, זיי זאָלן גוט ליגן אויפן קאָפּ.

טליתים זײַנען געווען פון האָלץ, צווײַגן, און שטיקער קאָרע, צוזאַמענגעבונדן מיט גראָזן. --- דערפאַר, ווען מען קוקט אויף בילדער פון אַ פּרימיטיוון (פּרעהיסטאָרישן) מענטש, באַמערקט מען אַ גרויסן קאָפּ מיט אַ שווערן שטערן וואָס שטעקט אַרויס, און מיט אַ געבויגענעם רוקן, משמעות צוליב די זייער שווערע יאַרמלקעס און טליתים ...




אָבער לאָמיר זיך ניט צופיל אַרײַנטיפן אין די פּרטים פון סאָציאָ-עקאָנאָמישן לעבן, פון ביאָלאָגיע, אָדער אַנטראָפּאָלאָגיע. לאָמיר זיך בעסער פאַרנעמען מיט די ריינע פאַקטן...

נאָכן דאַווענען, פאַר דער סעודה (דאָס דאַווענען קומט פאַר, פאַרשטייט זיך, אין דרויסן), קומען זיך אַלע צונויף אויף אַן אָרט וואו ס'געפינען זיך אַ סך שטיינער וואָס מ'קען אויף זיי זיצן, כדי אויסצוהערן די דרשה פונעם בר-מיצווה-בחור. די קהילה מיט די פאַרבעטענע (און די זיך אַרײַנגעבעטענע) געסט זעצן זיך אַוועק.

דער בר-מיצווה-בחור קריכט אַרויף אויף דעם העכסטן שטיין כדי צו האַלטן זײַן רעדע. ער האַלט אין האַנט עטלעכע פלאַכע שטיינערנע טעוועלעך. --- איר מיינט מסתמא אַז אויף די טעוועלעך איז אויסגעקריצט זײַן רעדע, ווי מיר שרײַבן עס הײַנט אויף פּאַפּיר. ניין, דאָס ניט. אין יענע צײַטן האָט מען דאָך ניט געקענט שרײַבן און לייענען. דאָס איז פּשוט געווען אַ מיטל אײַנצוהאַלטן דעם עולם אַז ער זאָל בלײַבן שטיל. ווער עס שטערט, וואַרפט ער אויף אים אַ שטיינערנעם טאָוול.

דער בעל-שמחה הייבט אָן ריידן :

„טײַערע געסט, קרובים, פרײַנט, באָבעס און זיידעס, טאַטעס און מאַמעס מײַנע. (-- אין יענע צײַטן איז מען געווען פרײַער און מער ליבעראַל ווי איצט לגבי חתונהס). איך בין געוואָרן דרײַצן יאָר אַלט. פון איצט אָן בין איך אַ מאַן. איך בין צופרידן וואָס איר זײַט געקומען מיטפײַערן מײַן שמחה. איך וויל קודם-כל באַדאַנקען אַלע געסט וועלכע האָבן מיר צוגעבראַכט מתנות; און בײַ דער געלעגנהייט, ווײַל איך וואָרענען יענע וואָס האָבן מיר נאָך גאָרניט געגעבן, אַז טאָמער וועלן זיי פאַרגעסן מיר עפּעס צו ברענגען, וועל איך זיי צעשפּאַלטן די קעפּ און אויסזעצן די ציין וואָס מע האָט זיי נאָך ביז איצט ניט אויסגעזעצט ...

איצט, אַז איך בין געוואָרן אַ מאַן, בין איך גרייט אָנצונעמען פאַראַנטוואָרטלעכקייטן פון ווערן אַ פולער מיטגליד פון דער קהילה. און טאָמער איז עמעץ קעגן דעם, וועל איך אים צעברעכן די ביינער... און זאָלן די ווײַבלעך און יונגע מיידלעך איצט וויסן אַז איך זוך... אַ כּלה. נו, לאָמיר זיך טרעפן בלויז אויף שמחות, און פאַרגעסט ניט מײַן וואָרענונג וועגן די מתנות ..."

נאָך דער רעדע הייבן זיך אַלע אויף מיט אַ געוואַלד, שאָקלען מיט די קעפּ, מאַכן מיט די הענט, קראַצן זיך אין די נאַקנס, און שלאָגן זיך אין ברוסט. דאָס איז ניט ווי אַן אָנערקענונג פאַר זײַן פײַנער רעדע, אָדער גאָר ווי אַפּלאָדיסמענטן פון פרייד. דאָס איז פּשוט דערפאַר וואָס בשעת זײַן ריידן, זײַנען זיי אַלע אײַנגעשלאָפן, האָט דער בר-מיצווה-בחור, נאָך דער דרשה, זיי אויפגעוועקט מיט די שטיינערנע טעוועלעך וואָס ער האָט אויף זיי געוואָרפן.

איצט הייבט מען זיך אָן גרייטן צו דער סעודה. גרויסע, פלאַכע שטיינער פאַר טישן, און שטיינער פאַר שטולן, שטייען

אויסגעשטעלט אין רייען פֿאַר די געסט.
אויף די „טישן" ליגן מעסערס פֿון שטײַן,
און גאָפּלען און לעפֿל פֿון ביין. איר
שטעלט זיך מסתּמא ניט פֿאָר, אַז אין יענע
צײַטן האָט אַזױנס געקענט זײַן. איר האָט
אַוודאי געמיינט, אַז מ'איז געווען פּרימי-
טיוו ...
נאָר פּלוצלינג הערט זיך אַ געשריי
פֿון איינעם, אַז אַ מאַמאָנט (אַ ריזיקער
פּרעהיסטאָרישער העלפֿאַנט) געפֿינט זיך דאָ
נאָענט און פֿאַרנעמט זיך אין זייער ריכ-
טונג. ער וואָרנט אַלעמען אַז די חיה וועט
צעשטערן די טישן און צעטרעטן די מענטשן.
אַלע ווערן אויפֿגעציטערט, און הייבן אָן
שרײַען און אַרומלויפֿן ווי ווילד-משוגענע.
די פֿרויען כאַפּן אַרויף די קליינע קינדער
אויף די הענט, און לויפֿן אַוועק אין אַ
זײַט. טייל מענער נעמען אין די הענט
זייערע שווערע שטעקנס, און אַנדערע
לויפֿן אַרום צונויפֿזאַמלען שטיינער. מיט
אַ מאָל באַווײַזט זיך דער מאַמאָנט ...
„גוט," טאַנצט אונטער דער בר-מיצווה-
בחור, אַ צופֿרידענער. „בעזרת השם, איז
דאָס „מאכל" אָנגעקומען..."
אַלע מענער גיבן אַ הויכן געשריי און
נעמען פֿון אַלע זײַטן שלאָגן דעם מאַמאָנט,
און באַוואַרפֿן אים מיט שטיינער. די
פֿרויען בײַ דער זײַט גרייטן דערווײַלע
צו דאָס פֿײַער מיט די קאָך-כּלים. די קינ-
דער שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ מיט שׂמחה
און קוקן מיט הונגעריקע אויגן ווי די
עלטערן גרייטן צו דאָס עסן. זיי נעמען
אויך וואַרפֿן שטיינער אָבער זיי טרעפֿן
די מענער. קומט צו איינער פֿון די מע-
נער, אַ בייזער, און דערלאַנגט זיי אַלע-
מען קלעפּ. איצט זײַנען זיי שוין שטיל.
עטלעכע, פֿון די שוואַכערע קינדער, זײַ-
נען שוין צו שטיל ...

* *

יע, טאַקע פּרימיטיוו זײַנען זיי
געווען אין יענע צײַטן. הײַנט נעמט
מען, און מען זיצט עלעגאַנטערהייט בײַ
געדעקטע טישן, און מ'וואַרט --- נאָר
קיין מאַמאָנט קומט ניט. הערכסטנס קען
אין זאַל אַרײַנקומען אַ „בייבי"-העלפֿאַנט
וואָס עסט אויף בלויז טויזנט-דאָלאַרדיקע
טשעקס ...(אָט ווי אַ רײַכער ייִד אין
ניו-יאָרק האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק
געפּראַוועט זײַן זונס בר-מיצווה) ---
דאָס הייסט „פּראָגרעס" ...
---- נאָך איין זאַך :
דער בר-מיצווה-בחור, אין אונדזער מעשׂה,
איז געשטאָרבן מיט דרײַ טעג שפּעטער נאָך
דער שׂמחה, --- ניט, חלילה, פֿון איבער-
עסן זיך, אָדער פֿון אַן אומגליק, אָדער
גאָר דערהרגעט געוואָרן פֿון אַן אַנדערן.
ער איז געשטאָרבן פֿון נאַטירלעכע סיבות.
--- פֿון אַלטקייט. געדענקט : יענע
פּרימיטיווע האָבן ניט געקענט ציילן.
לויט אונדזער צייל-סיסטעם, איז דער
דאָזיקער בר-מיצווה-בחור אַלט געווען
137 יאָר ...
(אָנגעשריבן אין יולי 1978, לכּבֿוד מײַן
ייִנגסטן ברודער יאַנקלס בר-מיצווה,
אין ירושלים)